פעטרוס איז אַראָפּגעגאַנגען פון שיפל, און איז
געגאַנגען אויפן וואַסער, און געקומען צו ישוען.
30 און ווי ער האָט געזען דעם שטאַרקן ווינט, האָט
ער זיך דערשראָקן, און אָנהויבנדיק זיך צו טרענקען,
האָט ער אַ געשריי געטון, אַזוי צו זאָגן: האַר,
31 ראַטעווע מיך! און ישוע האָט גלייך אויסגעשטרעקט
זיין האַנט, האָט אים אָנגעכאַפּט, און זאָגט צו אים:
דו קליינגלויביקער, פאַרוואָס האָסטו געצווייפלט?
32 און ווען זיי זענען איינגעשטיגן אין שיפל, האָט
33 דער ווינט אויפגעהערט. און די, וואָס זענען געווען
אין שיפל, האָבן זיך געבוקט צו אים, און געזאָגט:
דו ביסט באמת ג־טס זון!
34 און זיי זענען אַריבערגעפאָרן, און זענען געקומען
35 צום לאַנד. און ווי די לייט פון יענעם אָרט האָבן
אים דערקענט, האָבן זיי געשיקט אין יענער גאַנצער
געגנט אַרום, און געבראַכט צו אים אַלע קראַנקע;
36 און האָבן אים געבעטן, אַז זיי זאָלן בלויז אָנרירן
די זוים פון זיין מלבוש; און אַלע, וואָס האָבן
אָנגערירט, זענען גאַנץ געזונט געוואָרן.

## קאַפּיטל פיפצן

1 דעמלט קומען צו ישוען פרושים און סופרים פון
2 ירושלים, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס זענען דיינע
תלמידים עובר אויף דער מסורה פון די זקנים?
וואָרום זיי וואַשן זיך נישט די הענט, ווען זיי עסן
3 ברויט. ער אָבער האָט ענטפערנדיק צו זיי געזאָגט:
פאַרוואָס זענט איר אויך עובר ג־טס געבאָט צוליב
4 אייער מסורה? וואָרום ג־ט האָט געזאָגט: דו זאָלסט
אָפּגעבן כבוד דיין פאָטער און דיין מוטער! און: ווער
עס פלוכט פאָטער אָדער מוטער, דער זאָל געטייט